נומער 2.2

<u>עקזעקיוטיווארדער</u>

**פארזעצנדיג די דעקלעראציע פון א דיזעסטער עמערדזשענסי אין די קאונטיס פון בראנקס, דאָטשעס, קינגס, נעסאָו, ניו יארק, אראנדזש, פאָטנעם, קווינס, ריטשמאנד, ראקלענד, סופאלק, סאָליוען, אולסטער, וועסטשעסטער און גרעניצנדע קאונטיס**

**אזוי ווי**, אום סעפטעמבער 1, 2021 און פארזעצנדיג דערנאך האט די דעפרעסיע נאך די הוריקעין איידע געשאפן געפארפולע מצבים אין ניו יארק סטעיט וועלכע שטעלן א באדליגע סכנה פאר פובליק טראנספארטאציע, יוטיליטי סערוויסעס, פובליק געזונטהייט און פובליק זיכערהייט סיסטעמען אין די קאונטיס בראנקס, דאָטשעס, קינגס, נעסאָו, ניו יארק, אראנזש, פאָטנעם, קווינס, ריטשמאָנד, ראַקלענד, סופאָלק, סאָליוען, אָלסטער, וועסטשעסטער און גרעניצנדע קאונטיס;

**אזוי ווי**, הוריקעין איידע האט פראדוצירט א גאס פון רעגן און פארפלייצונגען. די אומשטענדן האבן פאראורזאכט איבער 31,300 עלעקטריציטעט בלעקאוטס, אראפגעפאללענעביימער, פלוצלינגדיגע פארפלייצונגע אין פארשידענע געגנטער, אפגעשפארטע געסער, שטערונגען צו פארן און שאדן פאר פובליק און פריוואטע אייגנטום ארום אלע באטראפענע געגנטער, ווייטער שטעלנדיג א געפאר פאר די פובליק געזונטהייט און זיכערהייט;

**אזוי ווי**, אום סעפטעמבער 2, 2021, האב איך ארויסגעגעבן עקזעקיוטיוו ארדער 2 דערקלערנדיג א סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי אינערהאלב די קאונטיס בראנקס, דאָטשעס, קינגס, נעסאָו, ניו יארק, אראנדזש, פאָטנעם, קווינס, ריטשמאנד, ראקלענד, סופאלק, סאָליוען, אולסטער, וועסטשעסטער און גרעניצנדע קאונטיס;

**יעצט, דערפאר, טוה איך, קעטי האוקאל,** די גאווערנאר פון ניו יארק סטעיט, מיט די כוח פון די אויטאריטעט געגעבן פאר מיר דורך די קאנסטיטוציע פון ניו יארק סטעיט און דורך טייל 28 פון ארטיקל B-2 פון די עקזעקיוטיוו געזעץ, דערמיט פארלענגערן די סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי ווי עס איז אויסגעלייגט געווארן אין עקזעקיוטיוו ארדער 2 און איך טוה פארזעצן די טערמינען, באדינגונגען און אפשטעלונגען וועלכע זענען אויסגערעכנט געווארן אין עקזעקיוטיוו ארדער 2 און די נאכפאלגנדע ארדער, ביז נאוועמבער 16, 2021.

א ר ו י ס ג ע ג ע ב ן אונטער מיין האנט און אונטער דעם אפיציעלן זיגל פון די סטעיט אין אלבאני סיטי אום דעם זיבעצנטן טאג פון אקטאבער, אין דעם יאר צוויי טויזנט איין און צוואנציג.

דורך די גאווערנאר

סעקרעטאר פאר דעם גאווערנער